


יום א' ב' ג'
שלח תשפ"ו

## דער פרייז פאר

# 18 יאר רואיגקייט

## בסייעתא דשמיא

### חברה שומרים אמאל און היינט

### פון דער שרעקעדיגער אנהייב, ביז צו די געבענטשטע מנוחה בס"ד

**ח"י ח"י יודוך וישבחוך** - מיט לויב און דאנק צו השי"ת ווערט אפגעצייכנט גאנצע אכצן יאר זינט דאס גרונדונג פון חברה שומרים דקרית טאהש, אנגעהויבן אין שרעקעדיגע צייטן, ווען פאגראמען און איבערפאלן איז געווען א חלק פונעם טאג-טעגליכן לעבן, וואוינען ביי די גרעניצן פון שטעטל האט געמיינט לעבן אונטער פחד 24 שעה, ביז צום היינטיגן טאג ווען מיט פיל סייעתא דשמיא און הילף פונעם שומר ישראל, געניסט מען פון א גאנץ סטאבילע רואיגקייט אין דעם הינזיכט, ווען חברה שומרים קאנצענטרירט זיך בעיקר אויף צו אנהאלטן די געבענטשטע מנוחה, און פארמיידן די היינטיגע סארט פארברעכן ווי קאר גניבות און היים איינברעכן בעז"ה.

צו פארשטיין און ארויסהאבן וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין יענע ערשטע תקופה, וואס האט שומרים געטוען דערצו, און וואס איז היינט די אויפגאבע און גרויסע הוצאות פון שומרים, שטעלן מיר פאר דעם אינהאלטסרייכן בראשור, וואס נעמט אריין צווישן אנדערע אינפארמאטיווע אונטערוויוס מיט די גרינדער פון חברה שומרים, באגלייט מיט אינטערסאנט אומגלויבליכע פאקטן בימים ההם.


די ערשטע מ"מ מיטונגביים גרינדען חברה שומרים ווינטער תשס"ט

**ליינט, איבערצייגט אייך, און עפנט די הערצער מיט די קעשענעס צוגלייך, ביים גרויסארטיגן קאמפיין קומענדיגן פרשת שלח הבעל"ט, ווי יעדער תושב וועט זיך אנשליסן מיט דעם מינימאלן זכות שומר $18 א חודש, והמוסיף צו $36 א חודש מוסיפין לו.**

**ובשם ה' נעשה ונצליח.**

# שפרודלדיגע אקטיוויטעטן

## אינערהאלב די "שומרים" הויפטקווארטירן

## ברייטער ארייבבליק איבער די לעצטערע אנטוויקלונגען אינערהאלב די "שומרים" קארידארן, וואו עס ווערן נאכאנאנד פארברייטערט און פארגרעסערט די פעולות לטובת די איינוואוינער בקרייתינו הק'

טראץ וואס "חברה שומרים ד'קרית טאהש" אפעריירט שוין גאנצע אכצן יאר, איז מען אבער קיינמאל נישט געבליבן שטעקן און נישט גערועט פאר קיין מינוט. נאך ביזן היינטיגן טאג איז מען שטענדיג אקטיוו אויפצוקומען מיט נאך פרישע געדאנקען און פעולות וויאזוי מען קען נאך מער פארגרינגערן דאס לעבן און ברענגען מנוחת הנפש פאר אלע איינוואוינער אין קרית טאהש.

שטייענדיג אין די טעג בעפאר דעם יערליכן קאמפיין לטובת די אזוי וויכטיגע ארגאניזאציע, כאפן מיר א שטיקל בליק איבער די פרישע אנטוויקלונגען און חידושים וואס זענען אימפלעמענטירט געווארן דורך "שומרים", וואס זאל ברענגען א טובת הנאה און א רואיגקייט פאר די תושבי הקריה. כאטש וואס די אלע נייע אונטערנעמונגען טוען נאר פארשווערן דעם פינאנציעלן לאסט אויף די חשוב'ע און געטרייע הנהלה, שפילט דאס אבער נישט קיין ראלע ביי זיי ווען עס קומט צו פארשטערקערן און פארזיכערן דעם וואוילזיין פון אלע איינוואוינער אין שטעטל בסייעתא דשמיא.




### קאסטבארע סעיפטי קאמפיין אויפוואכונג

ווי אלע האבן מיטגעהאלטן און געהערט, איז דעם פארגאנגענעם זומער פארגעקומען א שרעקליכער אינצידענט, ווען א מאמע מיט אירע צוויי קינדער זענען אראפגעקלאפט געווארן דורך א שנעל-פארנדן אויטא, און נאר בדרך נס און מיט סייעתא דשמיא זענען זיי אלע ארויס אין א גוטן צושטאנד.

די דאזיגע פאסירונג האט נאכגעפאלגט נאך ענליכע קלענערע אינצידענטן וואס זענען כמעט - אדער פאקטיש - געשען, צוליב דעם וואס דרייווער אדער פיסגייער זענען נישט געווען גענוג פארזיכטיג. די פילע אינצידענטן האבן אנגעצינדן אן ערנסטן אלארם איבער די שטארקע פארנאכלעסיגקייט וואס טרעפט זיך אין די אומגעגענט ווען עס קומט צו ראוד-סעיפטי











זעענדיג ווי קריטיש די מצב איז, און נישט וועלנדיג ווארטן ביז עס פאסירט עפעס גאר טראגיש ח"ו, איז "שומרים" אריינגעשפרינגען אין א פרישן פראיעקט, פראקלאמירנדיג אן עמערדזשענסי אויפוואכונג קאמפיין אינעם גאנצן שטעטל, מיטן ציל צו ברענגען אויפמערקזאמקייט איבער די וויכטיגקייט פון אכטונג געבן ביים דרייוון אדער ביים אריבערגיין די גאס

כאטש וואס דאס זיך אונטערנעמען צו ברענגען אזא דראסטישע אויפוואכונג האט אריינגעשלעפט די ארגאניזאציע אין ריזיגע הוצאות און אסטראנאמישע קאסטן, האט מען אבער נישט געקוקט דערויף און אן קיין קווענקלעניש געלאזט אין גאנג דעם מאסיוון קאמפיין לתועלת הציבור, ווען די קאסטן פון דעם פראיעקט האבן באטראפן נאנט צו צען אלפים, א קלענערער טייל איז געדעקט געווארן דורך "הצלה" און "חברים", אבער דער עיקר לאסט איז געפאלן אויף די פלייצעס פון די געטרייע "שומרים" אנפירער.

ברוך השם אז דער קאמפיין האט טאקע געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאטן, און מען זעט א שטארקע פארבעסערונג אויף די לאקאלע ראודס. דרייווערס געבן שטארק אכטונג צו סטאפן געהעריג ביי סטאפ-סיינס, און לאזן דורך די פיסגייער וואס ווארטן אריבערצוגיין. אזוי אויך זעט מען ווי דער עולם איז גאר וואכזאם נישט אריבערצוגיין אינמיטן די גאס, נאר מען גייט דירעקט צו א פארזיכערטע קראסוואלק אדער א סטאפ-סיין ביי אן אינטערסעקשן.

# פארשטערקערטע פאטראל דורכאויס דעם ווינטער סעזאן

אלס טייל פון שומרים'ס שטענדיגע וואכזאמקייט צו פארזיכערן די מאקסימום סעקיוריטי און רואיגקייט פאר די טאהש'ע איינוואוינער בס"ד, האט מען היי יאר ווינטער גאר שטארק אויסגעברייטערט די פאטראל אין שטעטל דורכאויס די לאנגע ווינטער נעכט.

אין געוועהנליכע אומשטענדן זענען די ווינטער נעכט פיל רואיגער ווי אין די זומער, ווען די ציפעדיגע פרעסטן האלטן צוריק די צעלאזטע יונגען און פארברעכער פון ארומלויפן אין די גאסן און טעראריזירן די אומשולדיגע איינוואוינער.

היי יאר איז אבער געווען פיל שווערער ווי געוועהנליך, ווען ממש יעדע נאכט זענען אריינגעקומען אין שטעטל צעווילדעוועטע יונגאטשעס וואס האבן נישט צורוה געלאזט די איינוואוינער. אין די צייט וואס יעדער איינער איז רואיג געשלאפן אונטער די ווארימע דאכענעס, האבן זיך די געטרייע שומרים וואלונטירן ארויסגעריסן פון בעט כדי צו האלטן א וואכזאם אויג און פאטראלירן די גאסן דורכאויס די שפעטע נאכט שעה'ן.




אויסער דעם, איז ווי באקאנט פארגעקומען א כוואליע פון גניבות אין שטעטל אינמיטן העלן טאג, וואס דאס האט איינגעשפאנט פילע שומרים וואלונטירן וואס האבן געדארפט צולייגן באזונדערע שעות אויסער זייער געהעריגן סקעדזשול, כדי אפצושטעלן די נאכאנאנדע פלייץ פון איינברעכערייען אין אידישע הייזער.

כדי נאכצוקומען דעם אומגעוועהנליך הויכן פארלאנג פאר מער פאטראל, האט "שומרים" צומאל געדארפט באצאלן פאר סעקיוריטי גארדס וואס זאלן ארומפארן אין די לאקאלע גאסן צו יעדע צייט בייטאג און ביינאכט, וויבאלד עס זענען נישט געווען גענוג וואלונטירן נאכצוקומען דעם פולן געברויך.

זעלבסטפארשטענדליך אז דער דראמאטישער אויפשטייג פון גאזאלין פרייזן אין ליכט פון דעם מיטל-מזרח קאנפליקט האט נאר פארגרעסערט דעם פינאנציעלן דרוק אויף די "שומרים" אנפירער, הייבנדיג דעם חודש'ליכן בודזשעט מיט באדייטנדע ציפערן.



# פרישע סעקיורטי גארד (שבת גוים) פאר די שפעטע פרייטאג צונאכטס שעות

נאך א רינגעלע אינעם קייט פון פארשטערקערטע פאטראל, האט מען צוגעלייגט א קביעות'דיגן סעקיוריטי גארד וואס זאל פאטראלירן די גאסן דורכאויס די שפעטע פרייטאג צונאכטס שעה'ן.

ביז לעצטנס פלעגט נאר ארומפארן א פאטראל יוניט פונעם זמן הדלקת הנרות ביז 1:00 ביינאכט, וואס דעמאלטס איז דער גוי' אוועקגעגאנגען און עס איז בכלל נישט געווען קיין סעקיוריטי גארד פון דעמאלטס ביז אינדערפרי.

איין פרייטאג צונאכטס, שוין נאך 1:00, ווען דער גארד האט שוין געהאט פארלאזט דאס שטעטל, איז אריינגעפארן א קאר אינעם שטעטל מיט א באנדע צעלאזטע יונגען און אנגעהויבן טעראריזירן די איינוואוינער אויף א שרעקעדיגן אופן. זיי זענען געפארן אהין און צוריק, רוב צייט אויף משה וועניו, און פאר איבער א שעה צייט האבן זיי געמאכט קולות וברקים, נאכגעשריגן און נאכגעלאפן מענטשן וועלכע זענען נאך געווען אינדרויסן אויפן גאס. הערשט נאכדעם וואס די פאליציי איז ענדליך אנגעקומען, זענען זיי שנעל אנטלאפן פון שטח.

דער ציבור איז געווען גאר טראומאטיזירט נאך יענע געשעעניש, און "שומרים" האט גלייך גענומען שריט צו פארמיידן אן ענליכע איבערשפיל אין די צוקונפט!!.

דער ציבור איז געווען גאר טראומאטיזירט נאך יענע געשעעניש, און "שומרים" האט גלייך גענומען שריט צו פארמיידן אן ענליכע איבערשפיל אין די צוקונפט. אנשטאט ווי ביז דאן, ווען עס איז נאר געווען א גארד ביז 1:00 אזייגער פארטאגס, האט מען אויסגעברייטערט די שעות און געדונגען א גארד וואס זאל פאטראלירן די גאסן ביז פינף אזייגער פארטאגס!




כאטש וואס דער נייער פראיעקט ציט אריין אין גרויסע הוצאות פון נאך שווערע טויזנטער דאלארן וואס דאס וועט אפקאסטן פאר "שומרים" יאר-יערלין, האט מען אבער נישט פארציכטעט אויף די זיכערהייט און רואיגקייט פון תושבי קריתינו, זיכער מאכנדיג אז מען זאל קענען גיין שלאפן רואיג פרייטאג צונאכטס אן קיין פחדים פון אריינדרינגענדע פארברעכער.

# פארגעשריטענע "לייסענס פלעיט רידערס" (License plate readers)

איינע פון די שטארקע דערגרייכונגען וואס "שומרים" האט באוויזן אינעם פארגאנגענעם יאר, איז די פארגעשריטענע "לייסענס פלעיט רידערס" סיסטעם וואס מען האט אינסטאלירט אויף די לאקאלע גאסן, מיטן ציל צו קענען גרינגערהייט אידענטיפיצירן ארייננדרינגענדע פארברעכער.

ביז היינט האט "שומרים" געדארפט פיזיש נאכפארן די קאר וואס האט געטראגן די פארברעכער, כדי צו קענען אפכאפן דעם לייסענס פלעיט נומער און דאס איבערגעבן פאר די פאליציי. דאס איז פארוואס מען האט אינוועסטירט גאר אסאך געלט צו קויפן די טייערע "לייסענס פלעיט רידערס" סיסטעם, וויבאלד מיט דעם קען מען גרינגערהייט אפכאפן די לייסענס פלעיט נומערן פונעם קאר און אזוי אידענטיפיצירן און כאפן די פארברעכער.

עס האט נישט לאנג גענומען ביז די סיסטעם איז צוניץ געקומען. דאס איז פארגעקומען אינמיטן ווינטער, ווען א קאר מיט עטליכע גנבים זענען אריינגעפארן אין שטעטל אינמיטן די נאכט, אריינגעדרונגען אינעם בנין פונעם ציון הק', און אויסגעליידיגט אלע פושקעס מיט א שיינע סומע געלט. א דאנק די פארגעשריטענע 'רידערס' האט מען דערנאך געקענט אידענטיפיצירן די לייסענס פלעיט נומערן פונעם קאר, און אזוי ארום איז מען ארויפגעקומען אויף די שפורן פון די פארברעכער און זיי ארעסטירט.







כאטש וואס עס איז שוין פארגעקומען א קאמפיין פריער אין די יאר פאר די ספעציעלע "לייסענס פלעיט רידערס" סיסטעם, און עס איז טאקע אריינגעקומען א שיינע סומע געלט פון ווארעמע נדבנים, איז אבער נאך אלץ פארבליבן א גרויסער לאך צו קענען דעקן די פולע הוצאות.

אויסער דעם וואס מען פלאנירט צו אינסטאלירן נאך פילע קעמערעס לענגאויס דעם גאנצן שטעטל, זיכער צו מאכן אז יעדע איינציגסטע גאס איז פולקאם געדעקט, דארף מען אויך איינקויפן א גאר סאפיסטיקירטע קאמפיוטער סיסטעם מיט פארשידענע פראגראמען, כדי ארויסצונעמען די מאקסימום נוצן פון די קעמערעס. מיט די קאסטבארע סאפטווערס און סיסטעמען, וועלכע קאסטן א הויכע פרייז יעדן חודש, וועט מען בעז"ה קענען גאר שטארק פארבעסערן די זיכערהייט אינעם גאנצן שטעטל.

איינע פון די סאפיסטיקירטע סיסטעמען וואס מען פלאנירט צו קויפן, איז א ספעציעלע פראגראם וואס כאפט אויף אויב אן אויטא איז פארדעכטיגט פאר סיי וועלכע סיבה, באזירט אויף אלטע פילמען און רעקארדס וואס די קעמערעס האבן אפגעכאפט פון דעם קאר אויב איז ער שוין דא געווען אמאל. מיט אזא פארגעשריטענע סיסטעם וועט "שומרים" ערהאלטן א ווארענונג איבער די פארדעכטיגטע אויטאס נאך בעפאר די פארברעכער וועלן האבן א געלעגענהייט צו טון סיי וואס.

ווען מען רעכנט צוזאם די גרויסע הוצאות פאר די גאנצע סיסטעם מיט די פראגראמען, באטרעפט דאס פרישע 10 אלפים בלויז אנצוהייבן. דאס איז אין צוגאב צו די כסדר'דיגע מעינטענענס וואס איז קריטיש וויכטיג פאר אזעלכע טייערע און פארגעשריטענע סיסטעמען.

**א דאנק די פארגעשריטענע 'רידערס' האט מען דערנאך געקענט אידענטיפיצירן די לייסענס פלעיט נומערן פונעם קאר,**

# פארשידענע קלענערע פראיעקטן

דאס אלעס וואס מיר האבן אויסגערעכנט ביז אהער, זענען נאר די עיקר 'גרויסע' זאכן וואס מען האט אויפגעטון; עס מאכט זיך אבער כסדר ווען עס פאלן אויף "שומרים" נאך אנדערע קלענערע זאכן, פשוט ווייל עס איז נישטא ווער עס זאל עס טון.

לדוגמא, ביי דעם גרויסן לאך נעבן די ביהמ"ד אברכים איז דא א הויכע צוים וואס פארזיכערט דעם ארט אז קיינער זאל חלילה נישט אריינפאלן. א שטיק צייט צוריק האט דער צוים אנגעהויבן ווערן אויפגעריסן אויף עטליכע פלעצער, עד כדי כך אז עס איז געווען א געפארפולע סכנה קינדער זאלן נישט חלילה אריינפאלן דארט.

נאכדעם וואס קיינער האט נישט געוואלט נעמען די אחריות און באצאלן די קאסטן דאס צו פאררעכטן, האט "שומרים" אריינגעלייגט א שפאר ביסל געלט כדי צו באפעסטיגן און פארזיכערן דעם צוים.
עס איז טאקע 'נאר' עטליכע הונדערט דאלער, אבער עס קומען כסדר אונטער אזעלכע קלענערע פראיעקטן וואס פאלן אויף די פלייצעס פון "שומרים", און פרוטה פרוטה מצטרפת לחשבון גדול, ביז עס קומט אן צו א ריזן בודזשעט וואס מען דארף דעקן יעדע חודש.

דאס איז נאך אלעס בעפאר די אנגייענדע הוצאות, אויפצוהאלטן די גאנצע אפאראט, וואס נעמט אריין די פאטראל קארן, סעקיוריטי, רעדיאו סיסטעמען, און עקוויפמענט.







ביים פארעכטן די לעכער ארום דעם ליידיגן שטח ביי די אברכים



ביים ברענגען א טארט מיט קליינע מתנה פאר די ניי יאר מיט די הויפט פון די פאליציי, צו אנהאלטן די קשרים לטובת די חשוב איינוואוינער

**אכצן יאר וואס שומרים שלאפט נישט, כדי תושבי קרייתינו זאל קענען רואיג שלאפן, און מיט'ן הילף פונעם שומר ישראל קענען וואוינען דא מיט מנוחת הנפש און הרחבת הדעת בסייעתא דשמיא.**

# ויהי בימים הרבים ההם

## א בליק צוריק צום שרעקעדיגן עבר בעפאר חברה שומרים האט זיך געגרונדעט

דער זייגער לויפט שטענדיג פאראויס, אבער צומאל איז וויכטיג אים צו געבן א גוטן דריי צוריק, נישט בלויז מיט עטליכע שעה, נאר זאגאר מיט גאנצע אכצן יאר, צו זען און זיך באקענען מיט די מציאות, וויאזוי עס האט דעמאלטס אויסגעקוקט דער מצב אין שטעטל. וואס האט געברענגט דאס גרינדונג פון חברה שומרים, און וויאזוי האט מען באוויזן בס"ד אזא ווייטגרייכנדע רעוואלוציע, מאפילה לאור גדול אין פול זין פון ווארט.

צו דעם צוועק מישן מיר צוריק מערערע בלעטער אין די ארכיוון פון "שומרים", וואו מיר טרעפן א אונטערוויו וואס איז אפגעהאלטן געווארן מיט עטליכע יאר צוריק, ווען די צוויי חשוב'ע גרינדער, הרה"ח ר' זיידא מאירוביץ הי"ו און הרה"ח ר' אייזק ווייס הי"ו, עפענען אויף די פירהענג, און עראינערן זייערע זכרונות וויאזוי עס האט אויסגעקוקט יענע שווערע צייטן, אזוי ארום געבן צו פארשטיין די קריטישע ראלע וואס "שומרים" שפילט נאך ביזן היינטיגן טאג אין אלע זיכערהייט אנגעלעגנהייטן דא אין שטעטל. די דאזיגע צוויי העלדישע אידן זענען געווען די פיאנערן וואס זענען אריינגעשפרינגען אין דעם שווערן אונטערנעמונג אויפצושטעלן די ארגאניזאציע, בלויז פאר די טובה פון די אידישע איינוואוינער דא אין שטעטל, אז עס זאל שטענדיג הערשן א רואיגקייט און מנוחת הנפש בעז"ה.

לאמיר אייך אריינפירן אין דעם אינהאלטסרייכן און אינפארמאטיוון שמועס, צו הערן ערשטהאנטיג פון די צוויי אנפירער די פולע היסטאריע נאך פון די צייטן בעפאר "שומרים" איז געגרינדעט געווארן, די רעוואלוציע וואס האט פאסירט נאכן אויפשטעלן די ארגאניזאציע, און די פילצאליגע אקטיוויטעטן און אויפטוען נאך ביזן היינטיגן טאג.

### מיר וועלן אנהויבן מיט אייך, ר' אייזק, אלס דער דע-פאקטא פירער פון "חברה שומרים". ווען איז די "שומרים" ארגאניזאציע געגרינדעט געווארן?

די אפיציעלע "שומרים" ארגאניזאציע איז געעפנט געווארן מיט קרוב צו אכצן יאר צוריק, אום תשרי תשס"ט, אבער דאס איז געקומען א לאנגע צייט נאכדעם וואס עס האט שוין אפערירט דער "וועד ונשמרתם" וואס פלעגט זיך אפגעבן מיט פארשידענע סעיפטי אנגעלעגנהייטן אין שטעטל.

אין אנפאנג יאר תשס"ט, האבן די חברי הוועד אנערקענט די דרינגענדע געברויך צו עפענען א "שומרים" ארגאניזאציע, וואס זיי זאלן זיין באאויפטראגט צו פאטראלירן און באוואכן די לאקאלע גאסן פון אומגעוואונטשענע עלעמענטן.

בעפאר מיר גייען ווייטער איבער די גרינדונג פון "שומרים", לאמיר הערן פון ר' זיידא: וואס איז געווען די אויפגאבע פון "וועד ונשמרתם"?

"וועד ונשמרתם" איז אויפגעשטעלט געווארן מיט צען יאר פריער, אין יאר תשנ"ט.

אין יענע תקופה איז דאס שטעטל נאכנישט געווען אזוי גרויס און באוואוינט ווי היינט; עס איז געווען כמעט ווי איין גרויסע חצר וואו יעדער האט געוואוינט אינאיינעם. זייענדיג אזוי קליין אין מאס, האט מען געקענט גרינגער באמערקן פארשידענע זאכן וואס קומען פאר אין שטעטל וואס קענען שטעלן מענטשן אין א סכנה.

איין טאג האב איך פארופן א זיצונג מיט הר"ר אלימלך ניימאן הי"ו, הר"ר ישעי' לייב אייזנער הי"ו און הר"ר אייזק ווייס הי"ו. ביי דעם זיצונג האבן מיר דיסקוסירט פארשידענע פראבלעמען און סכנות אין שטעטל, און וויאזוי מען קען דאס אדרעסירן אויף אן אחריות'דיגן און ארגאניזירטן אופן. עס איז דאן באשלאסן געווארן אוועקצושטעלן דעם "וועד ונשמרתם", וואס וועט פארפיגן אויף אלע זיכערהייט אנגעלעגנהייטן וואס מען ברויך זיך אפגעבן דערמיט.

צו דעם צוועק מישן מיר צוריק מערערע בלעטער אין די ארכיוון פון "שומרים", וואו מיר טרעפן א אונטערוויו וואס איז אפגעהאלטן געווארן מיט עטליכע יאר צוריק, ווען די צוויי חשוב'ע גרינדער, הרה"ח ר' זיידא מאירוביץ הי"ו און הרה"ח ר' אייזק ווייס הי"ו,

## קענט איר אונז געבן עטליכע דוגמאות אויף וואס דער וועד האט זיך געדארפט זארגן?

עס זענען געווען גאר אסאך פארשידנארטיגע אויפגאבעס. א שטייגער ווי צושטעלן מאסן ריפלעקטערס, און ברענגען אן אויפוואכונג ביי קינדער און ערוואקסענע איבער די וויכטיגקייט צו גיין דערמיט אלעמאל.

ווען אימער מיר האבן געזען אז עס איז דא א מקום סכנה; צום ביישפיל א קאנסטרוקציע זאנע וואו קינדער האבן זיך געשפילט און געקראכן אויף מסוכנ'דיגע ערטער, האבן מיר געבעטן די אייגנטומער און די בויערס צו מאכן שטארקע הויכע צוימען כדי מען זאל נישט קענען אריינגיין אינעווייניג.

נאך א דוגמא: די גרויסע געלע סקול-באסעס זענען נאך אין יענע יארן געווען א נייע דערהער ביי אונז אין שטעטל, וויבאלד עס האט ערשט אנגעהויבן ווערן באנוצט ווען דער עולם איז זיך בליע"ה צעוואקסן אויף א גרעסערן פארנעם. דאן האבן מיר געשאפט תקנות און אנווייזונגען פאר 'באס-סעיפטי' פון אנדערע היימישע מוסדות וועלכע האבן שוין גענוצט די באסעס א לענגערע צייט. דאס איז געווען גאר א וויכטיגער פראיעקט, כדי אוועקצושטעלן דעם גענצליך נייעם דערהער פון א 'געלע באס' מיט פארזיכטיגקייט און אחריות.

נאך א אויפגאבע האבן מיר געהאט, וואס דאס האט אונז עווענטועל געברענגט צו גרינדן די "שומרים" ארגאניזאציע; דאס איז געווען דער שטענדיגער עול פון שאפן די נויטיגע פאנדן צו באצאלן א 'שבת-גוי' וואס זאל פאטראלירן און היטן די גאסן יעדן פרייטאג צונאכטס. דאס איז געקומען נאכדעם וואס צעווילדעוועטע יונגען פלעגן אריינקומען אין שטעטל און שטורעמען איבער די גאסן,ווארפן אביעקטן אויף די פארבייגייער, נאכלויפן און דערשרעקן פרויען און קינדער, און זיך אויפפירן זייער אומאיידל.

די דאזיגע אויפגאבע איז געפאלן גאר שווער אויף דעם וועד, וויבאלד מיר האבן געדארפט כסדר אויפקומען מיט פרישע פאנדן -עפעס וואס מיר האבן ליידער נישט געקענט באווייזן, און מיר האבן דאס צו אונזער גרויס באדויער געמוזט טיילווייז אפשטעלן צוליב דעם מאנגל אין געלט.




דאס איז געווען דער שטענדיגער עול פון שאפן די נויטיגע פאנדן צו באצאלן א 'שבת-גוי' וואס זאל פאטראלירן און היטן די גאסן יעדן פרייטאג צונאכטס. דאס איז געקומען נאכדעם וואס צעווילדעוועטע יונגען פלעגן אריינקומען אין שטעטל און שטורעמען איבער די גאסן, ווארפן אביעקטן אויף די פארבייגייער, נאכלויפן און דערשרעקן פרויען און קינדער, און זיך אויפפירן זייער אומאיידל.

# אצינד לאמיר צוריקגיין צו ר' אייזק: וויאזוי איז פון "וועד ונשמרתם" געווארן די "חברה שומרים"?

לאמיר צוערשט צוריקגיין צום זומער-סעזאן אין יאר תשס"ח. אין יענע תקופה, סיי ווען אימער כוליגאנעס האבן געזוכט וואו זיך אויסצוגעבן און ארומווילדעווען, האבן זיי געהאט א פאסיגן אדרעס; די אידישע געמיינדע אין קרית טאהש.

יעדן איינציגן טאג, סיי אינמיטן העלן טאג און איבערהויפט אין די נאכט שעות, איז געווען א נארמאלע און אפטע ערשיינונג אז צעלאזטע יונגען מיט קארס און מאטאר-ביציקלען זאלן אריינקומען אין שטעטל, שרייען און ווארפן זאכן אויף איינוואוינער, און זיך מאכן ווי זיי פארן אריין מיט זייערע קארס אין די מענטשן. זיי פלעגן זיך צוקוקן מיט גרויס געלעכטער ווי גרויסע און קליינע, מאמעס מיט זייערע פיצעלע בעיביס אין קערידזשעס, נעמען זיך לויפן פאר שרעק און פאניק. זיי האבן געווארפן אייער אויף מענטשן און אויף קארס, געשאסן פעינט-באלס און אויסגעהאקט פענסטער פון הייזער. צומאל פלעגן זיי אפילו פירקלען ריזיגע האקן-קרייצן און אנדערע אנטיסעמיטישע סימבאלן אויף די ראודס און סיינס, וואנדאליזירנדיג דאס שטעטל אויף א שרעקליכן פארנעם.

די איינוואוינער האבן פרובירט צו רופן די פאליציי, אבער זיי האבן עס קיינמאל נישט צו ערנסט אנגענומען. עס איז געווען ווי א וויץ ביי די פאליציי, אז די אידישע געמיינדע דארף עמערדזשענסי הילף וויל עס דרייט זיך דארט א קליינע שווארצע קאר... מענטשן האבן ניטאמאל געוואוסט וויאזוי מסביר צו זיין פאר די פאליציי וועלכע מאדעל קאר אדער פלעיט נומער עס איז, און אפגערעדט אז זיי האבן נישט געקענט ערקלערן און ארויסברענגען פאר די פאליציי ווי ערנסט און געפארפול די סיטואציע איז.

אויב דאס אליינס איז נישט געווען גענוג, האט דאן פאסירט א פרישע אנטוויקלונג מצד די פאליציי, עפעס וואס האט פילפאכיג פארערגערט די שוין אזוי אויך שווערע סיטואציע.

ביז יענע תקופה האבן די הצלה מעמבערס און עסקנים זיך געקענט מיט מערערע אנגעשטעלטע פון די פאליציי ביי זייערע פערזענליכע נעמען און געהאט אנגעקניפט א נאנטע פריינדשאפט מיט זיי, אזוי אז מען האט גרינגער געקענט באהאנדלען אלע פראבלעמען וואס מיר האבן געהאט צוליידן אויף מערערע פראנטן.

אבער אין די זעלבע צייט ווען די וואנדאלן האבן זיך אנגעהויבן

ונשמרתם פאבליק סעיפטי קרית טאהש

PATROUILLE
PROTECTION PUBLIQUE
"ונשמרתם" קרית טאהש
Communauté de Tash, Boisbriand, Quebec

-חברי הוועד -
הר"ר אברהם אלימלך ניימאן נ"י
הר"ר ישעי' יודא ברוך אייזנער נ"י
הר"ר יצחק אייזיק ווייס נ"י
הר"ר זיידא י.י. מאירוביץ נ"י

בס"ד

## באריכט און אויפקלערונג איבער די נייע "חברה שומרים"

### צו אלע חשוב'ע תושבי קריתינו החשובים שיחיו

צוליב פארמערטע אינצידענטן מיט די ווילדע גוים, וועלכע זענען לעצטענס אריינגעקומען יעדע נאכט, אנגעמאכט שאדענס, אנגעווארפען א שרעק אויף גרויס און קליין, און געשאפן אן אנגעצויגענעם מצב.

האט "ונשמרתם" זיך אריינגעלייגט צו העלפן דעם ציבור, און אויפגענומען א סעקיורעטי קאמפאני וואס זאל שטעלן א סעקיורעטי אין די שעות ווען סהאט זיך ס'מערסטע אויסגעפעלט, און ב"ה די רעזולטאטן האבן זיך באלד דערקענט, און די אינצידענטן האבן זיך ב"ה כמעט אויפגעהערט, צו די הנאה און מנוחה פונעם גאנצן ציבור.

מיר ווילן טאקע באדאנקן די חשובע נדבנים וואס האבען אונז געהאלפען ביז יעצט.

אבער, די הוצאות פאר די סעקיורעטי סערוויס, באטרעפט די סומע פון פערצן הונדערט דאלער ($1,400) א וואך, טראץ וואס דער עולם האט זיך אנגערופען זייער ווארעם, פארבלייבן מיר דאך מיט א דעפיציט, וואס האט אונז אריינגעצויגן אין גרויסע חובות.

דעריבער האבן מיר לעצטענס איינגעצוימט דעם קאנטראקט מיט די קאמפאני, אז זיי זאלן נאר אריינקומען איין מאל יעדע שעה, אנשטאט זיין אנוועזנד די גאנצע צייט, וואס דאס העלפט טאקע, אבער ס'איז פארט נישט גענוג.

דעריבער כדי צו קענען בע"ה העלפן אנהאלטן און פארמערן די רואיגקייט און מנוחה פון די איינוואוינער אין שטעטל, דעריבער האבן מיר געגרינדעט בע"ה די:

**"חברה שומרים" שע"י ונשמרתם**

"חברה שומרים" האט א טעלעפאן נומער, וואו מען קען אריינרופען ווען מען זעהט גוים אריינקומען, און דער דיספעטשער וועט גלייך ארויסשיקן היימישע אינגעלייט וואלונטירן.

די אינגעלייט פון "שומרים" וועלען ארבייטען אין קאאפעראציע מיט די פאליציי, און באהאנדלען די אינצידענטן לויט זייערע אנווייזונגען, נאר אויף א לעגאלן אופן.

מיר בעטן זייער די קאאפעראציע און טראסט פונעם ציבור, צו פארשטייען אז די "שומרים" וואלונטירן טוען וואס זיי דארפן און קענען טוהן, און מ'זאל נישט אליין נאכפארן קיין קארס אדער ארויסטרייבן, און אין א פאל ווען די פאליציי וועט גערופען ווערן, לאזט די "שומרים" וואלונטירן באריכטן צו די פאליציי, נישט יעדער זאל זיי באפאלן א.ד.ג. וואס דאס שטערט נאר זייער קאאפעראציע און מיטארבייט.

ס'איז וויכטיג צו אויפכאפן און פארשרייבן דעם "פלעיט-נומער", און די סארט און קאליר קאר, און ווען ס'איז מעגליך צו כאפן א בילד אדער קליפ, און דאס איבערגעבן פאר די "שומרים" וואלונטירן.

גלייכצייטיג וועלן מיר אנהאלטן דעם קאנטראקט מיט די סעקיורעטי קאמפאני, לויט די נויטווענדיגקייט וועלן מיר צולייגן שעות, געוואנדן לויט וויפיל מיר וועלן זיך קענען ערלויבן פון די שטיצע און הילף פונעם ציבור.

ווי אויך דארפן מיר אייער הילף פאר'ן אויפשטעלן די "חברה שומרים", מיר האבן איינגעקויפט ראדיוס פאר די וואלונטירן, א פאטראל קאר, טעלעפאן סיסטעם, ווי אויך דארפן מיר אויסשטאפירן די מעמבערס מיט יוניפארמס און נויטיגע טרענינג, א.ד.ג., דאס אלעס ציעט אריין אין באדייטענדע סכומים, וואס מיר קענען נישט דעקן נאר מיט אייער הילף.

מיר זענען זיכער אז דער ציבור וועט פארשטיין דעם וויכטיגקייט אונז צו העלפן אז מיר זאלן קענען אייך העלפן.

מיר ווילן נאכמאל באטאנען אז ס'איז זייער וויכטיג ביי יעדן אינצידענט ווען מען רופט "שומרים" אדער "פאליצי", זאל מען מאכן א ריפארט, און פרעסן טשארזשעס.

אויב איר פרעסט נישט טשארדזשעס, ווערט דער אינצידענט נישט דאקאמענטירט, ס'איז כאילו דער קרימינאלער אקט האט קיינמאל נישט פאסירט, און שפעטער ווילן נישט די פאליציי קומען ווען מען רופט זיי. די וואלונטירן פון "שומרים" וועלען העלפן מיט'ן ריפארט און ווען ס'פעלט אויס צוטראגן צום פאליציי סטאנציע.

נעמט אין אכט, אז די "שומרים" נומער און וואלונטירן איז מיוחד נאר פאר סעקיורעטי אינצידענטן, פאר אנדערע הילפסרופן רופט ווייטער די אנדערע וואוילטעטיקע ארגאנעזאציעס ווי ביז היינט.

**חברה שומרים שע"י ונשמרתם**

**514-922-9888**

לעת עתה וועט מען ענטפערן דעם נומער נאר צווישן 3 נאכמיטאג ביז 5 פארטאגס

**די קאארדינעטערס פון חברה שומרים**

ר' יושע יצחק גרינוואלד #77, ר' אשר לעמל וויינבערגער #9 (פאנדרעיזער), ר' יואל צבי מענדלאוויטש #8, ר' יעקב אונגאר #11. חברי הוועד: ר' יצחק אייזק ווייס #6, הר"ר זיידא מייראוויטש "רואה חשבון".

מיט א תפלה צו השי"ת דער שומר ישראל, שתשרה שכינה במעשה ידינו, וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ושלו'.

מיט דאנק און עהרע, **וועד ונשמרתם**

(450) 979-7279 עמי סופר

**Tel. (514) 922-9888**

**Public Safety of Kiryas Tosh, Boisbriand Quebec - J7E 4H4 - CANADA**

צו פארמערן אויף א געפערליכן פארנעם, איז פארגעקומען א דראסטישער טויש אין די סיסטעם און אויסשטעל פון די לאקאלע פאליציי דיוויזיעס. אנשטאט ווי ביז דאן, ווען עס זענען געווען עטליכע קליינע פאליציי דעפארטמענטס אויסגעשפרייט אין אלע געגנטער, האבן זיך די דעפארטמענטס פון אלע שטעט צוזאמגעשטעלט און פארמירט איין גרויסע פאליציי איינהייט פאר אלע פיר שטעט. דער טויש האט רעזולטירט אין דעם אז מיר האבן גענצליך פארלוירן אונזערע פריוואטע קשרים מיט די ביז דעמאלטסדיגע קליינע פאליציי דעפארטמענט, און אצינד ווען עס איז געווארן איין גרויסע פאליציי דעפארטמענט וואס איז סטאנציאנירט געווארן אין 'סט. רעיז' אנשטאט אין 'בויסבריאנד', האבן מיר מער נישט פארמאגט די נאנטע פריינט וואס זאלן אונז שטיין צו הילף אין א צייט פון נויט.

זעענדיג אז דער מצב גייט נישט צום בעסערונג און עס ווערט ערגער און שווערער מיט יעדן פארבייגייענדן טאג, האבן איינוואוינער אנגעהויבן נעמען שריט אויף די אייגענע האנט. געוויסע האבן פרובירט צו פארמסר'ן די פאליציי אפיצירן צו די העכערע פענסטערס, און אנדערע האבן באשריגן און באוואשן די פאליציי ווען זיי זענען שוין יא געקומען. געוויסע דרייסטע יונגעלייט האבן באפאלן די כוליגאנעס מיט א קאנטער-אטאקע; געבלאקט זייערע קארס, געווארפן שווערע שטיינער און געטיילט פיזישע שלעק.

זעלבסטפארשטענדליך אבער אז דאס האט נישט באמת געהאלפן, נאר עס האט נאך מער אויפגערייצט די צעווילדעוועטע יונגען און פילפאכיג פארערגערט דעם צושטאנד, און די געפארן זענען געווארן גרעסער און גרעסער יעדן איינציגן טאג.

גאר א שרעקעדיגע עפיזאד האט פאסירט איין נאכט, ווען א פיקאפ טראק פול מיט יונגע שקצים איז אריינגעפארן אין שטעטל און אנגעהויבן צו שרייען און דערשרעקן די איינוואוינער. א געוויסער הצלה וואלונטיר האט דאן באשלאסן זיי נאכצופארן און האט געבלינקט מיט זיינע העד-לייטס פון הינטער זיי.

עס האט נישט גענומען מער ווי עטליכע סעקונדעס, און דער טראק האט זיך האסטיג אפגעשטעלט פארנט פון אים, און די גאנצע באנדע יונגען זענען ארויסגעשפרינגען פון זייער טראק און אנגעהויבן לויפן אין זיין ריכטונג. דער וואלונטיר האט גלייך געזען אז די חברה זענען ערנסט אנגעדראגט, און האט באמערקט ווי זיי האלטן ריזיגע שטעקענעס אין זייערע הענט, זייענדיג גרייט אים צו צע'מזיק'ן רח"ל.

דער יונגערמאן האט גלייך פארשטאנען דעם געפאר אין וואס ער האט זיך דא אריינגעלייגט, און האט בליץ שנעל געגעבן א דרוק אויף די גאז און אנטלאפן פונעם סצענע מיט די נשמה אין די האנט.

גאר א שרעקעדיגע עפיזאד האט פאסירט איין נאכט, ווען א פיקאפ טראק פול מיט יונגע שקצים איז אריינגעפארן אין שטעטל און אנגעהויבן צו שרייען און דערשרעקן די איינוואוינער.

דער מכה בפטיש איז געווען, ווען די כוליגאנעס זענען געגאנגען א טריט ווייטער, און נאכט נאך נאכט האבן זיי אנגעהויבן אויסשיסן פענסטער פון פילע קארס, פון פארנט און פון הינטן. די איינוואוינער זענען שוין געווען מיד פון רופן די פאליציי, וויבאלד מען האט סייווי נישט געזען קיין ערנסטע רעזולטאטן.

זייענדיג אין א פארצווייפלטן מצב פון יאוש און אובד עצות, האבן די איינוואוינער געזוכט וואו אויסצוגעבן זייער ווייגעשריי, און זענען נאטירליך געקומען זיך אויסרעדן צום "וועד ונשמרתם". זיי האבן ארגומענטירט אז די סיטואציע גייט שוין אריין בגדר סכנה, און ממילא דארף דער "וועד ונשמרתם" טראגן די אחריות דערויף.

מיר האבן זייער גוט פארשטאנען און זיי געגעבן גערעכט אויף די טענות, אבער מיר האבן דאס באטראכט ווי א צו ערנסטע אונטערנעמונג צו נעמען אויף אונזערע פלייצעס, און באצאלן פאר געדונגענע וועכטער וואס זאלן זיין גרייט א גאנצע נאכט אפצושטעלן די פלייץ פון פארברעכער.

ויהי היום, איין שיינעם פרימארגן האט א יונגערמאן אריינגעשטורעמט צום וועד מיט אן אומבאשרייבליכע פאניק. מיט א פארסאפעטער אטעם האט ער דערציילט, ווי די נאכט האבן כוליגאנעס אריינגעווארפן א ריזיגן שטיין שיש בו כדי להמית אין זיין פענסטער אריין, און נישט מער און נישט ווייניגער, דער שטיין איז געפאלן הארט נעבן דעם קינדער-בעטל פון זיין קליין פיצל ניי-געבוירן קינד!!

א סקרוך און א שוידער איז מיר דורכגעלאפן אין אלע ביינער מכף רגל ועד ראש, הערנדיג וואס דא האט פאסירט, נישט וועלנדיג טראכטן וואס דא וואלט חלילה געקענט פאסירן רח"ל.

## שרעקליך! עס לאזט זיך נישט גלויבן וואספארא שווערע צייטן די איינוואוינער האבן מיטגעלעבט אין יענע תקופה. וויאזוי זענט איר געגאנגען פון דארט און ווייטער?

נאך די שרעקליכע פאסירונג מיט דעם ניי-געבוירן קינד, האבן מיר געשפירט אז עד כאן. מיר מוזן נעמען באלדיגע שריט און אריינשפרינגען אין א נייע אונטערנעמונג צו אדרעסירן דעם אנגייענדן קריזיס.

מיר האבן פארופן א באלדיגע אסיפה מיט'ן "וועד ונשמרתם", וואו כולם פה אחד האבן איינגעשטימט אז עס ליגט א פליכט אויף אונז אויפצוקומען מיט א פלאן וויאזוי צו עלימינירן דעם שרעקליכן געפאר - זייענדיג די וואס האבן גענומען די פולשטענדיגע אחריות זיך אפצוגעבן מיט אלע זיכערהייט אנגעלעגנהייטן אין שטעטל.

מיר האבן דאן פארופן אן אסיפה דחופה אין ביהמ"ד אברכים פארן גאנצן ציבור, וואו בערך 70 תושבים האבן אנטיילגענומען. נאכ'ן אויסשמועסן און איבערגיין אלע דעטאלן, האט מען מחליט געווען צוויי זאכן: איינס אז מיר וועלן זאפארט דינגען א פראפעסיאנעלע זיכערהייט פירמע צו פאטראלירן דאס שטעטל יעדן אוונט ביז אין די שפעטע נאכט שעות; און צווייטנס, אז מיר וועלן אנהויבן וועבן נאנטע קשרים מיט די לאקאלע פאליציי, כדי זיי זאלן אנהויבן זיך מער רעכענען מיט אונז און קומען צו הילף אין א צייט פון נויט.

געזאגט און געטון. מיר האבן גלייך אויפגענומען א סעקיוריטי קאמפאני וואס האט טאקע אנגעהויבן באוואכן דאס שטעטל יעדע איינציגע נאכט. פארשטייט זיך אז דאס האט אפגעקאסט גאר אסאך געלט, און איז דערווייל געגאנגען אויף די פריוואטע קרעדיט קארדס פון איינעם פון די וועד מיטגלידער.

אין די זעלבע צייט האבן מיר, מיט די הילף פון די הנהלת הקהילה, אנגעהויבן אנקניפן ערנסטע און נאנטע באציאונגען מיט די לאקאלע פאליציי באאמטע. מיר זענען געזעסן איינמאל און נאכאמאל ביי זיי אין סטאנציע, פארברענגט מיט זיי און דיסקוסירט אלע פראבלעמען וואס פלאגן די אידישע געמיינדע.

פארשטייט זיך אז מיר האבן געדארפט אנהויבן צוזאמצושטעלן נדבות פון די איינוואוינער צו קענען דעקן די הויכע קאסטן, אבער די הוצאות זענען געוואקסן פיל שנעלער ווי די הכנסות. מיר האבן זיך דערזען אין אן ערנסטן פראבלעם: וויאזוי גייט מען ווייטער ווען עס זענען נישטא קיין געהעריגע פאנדן צו דעקן די קאסטן?

דאן איז אונז איינגעפאלן א נייער געדאנק, נעמליך צו עפענען א "חברה שומרים" וואס זאל דינען אלץ אן אייגענע זיכערהייט ארגאניזאציע וואס וועט איבערנעמען די אויפגאבע און באוואכן דאס שטעטל יעדע נאכט מיט אייגענע וואלונטירן, וואס דאס וועט אויסקומען פיל ביליגער ווי א געדונגענע קאמפאני וואס באצאלט טייער געלט פאר די וועכטער

מיר האבן ארויסגעשטעלט אן אפיציעלער מעלדונג, אז מיר זוכן וואלונטירן וואס זענען גרייט אוועקצוגעבן צייט יעדע נאכט צו פאטראלירן די לאקאלע גאסן. ב"ה אז קרוב צו 15 אינגעלייט האבן זיך תיכף ווארעם אנגערופן, און דער פראצעדור אוועקצושטעלן די "חברה שומרים" איז געלאזט געווארן אין גאנג.

מיר האבן אפגעקויפט א גענוצטע פאליציי-קאר פאר א ביליגן פרייז, און לויט די אנווייזונגען פון די לאקאלע פאליציי האבן מיר עס אנגעצייכנט און דעקארירט אז עס זאל אויסזען און געבן דעם ריכטיגן איינדרוק פונקט ווי אן אריגינעלער פאליצייאישע אויטא, כדי דערמיט אפצושרעקן און פארטרייבן די כוליגאנעס.

מיר האבן איינגעקויפט פארגעשריטענע ראדיאוס, א רעפיטער













סיסטעם, יוניפארמס און אנדערע געצייג וואס פעלן זיך אויס פאר די מעמבערס. צוביסלעך איז געלייגט געווארן דער גרונד-שטיין פאר דער אפיציעלער "שומרים" ארגאניזאציע וואס זאל שטיין על המשמר און באוואכן דאס שטעטל יעדע נאכט פון פרעמדע ארייננדרינגער און צעלאזטע כוליגאנעס.

פארשטייט זיך אז מיר האבן אוועקגעשטעלט אונזערע פראטאקאלן און תקנות אויף א וועג עס זאל זיין פולשטענדיג אויסגעהאלטן ע"פ תורה. מיר האבן זיך פארבינדן מיט די דיינים שליט"א פונעם בית הוראה, און זיי פארעגלייגט די האר-אויפשטעלנדע מציאות הדברים און די שרעקליכע געפאר וואס לויערט יעדע נאכט אויף די היזיגע איינוואוינער, און וואס אונזערע פלענער זענען דאס גענצליך אפצושטעלן בעז"ה.

די חשוב'ע דיינים האבן אונז קלארגעשטעלט דעם דעת תורה וויאזוי זיך אומצוגיין אויף יעדן טריט און שריט, און געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען כדי עס זאל זיין דעת המקום ודעת הבריות נוחה הימנו, און געשאנקען זייער אפיצעלער צושטימונג צום גרינדונג פון דער ארגאניזאציע.






## זייער אינטערעסאנט צו הערן. יעצט אז עס איז שוין דא א "שומרים" ארגאניזאציע; וויאזוי האבן טאקע די פארברעכער רעאגירט דערצו, האט דאס טאקע געהאלפן?

דאס ערשטע יאר נאכ'ן אויפשטעלן די ארגאניזאציע איז נאך געווען זייער שווער. עס האט גענומען היבש צייט ביז די כוליגאנעס האבן באקומען די מעסעדזש און אנגעהויבן רעאליזירן אז דא איז מער נישט קיין שטח הפקר, און זיי זאלן זיך גיין זוכן א צווייטן ארט וואו צו פלינדערן און איבערדרייען. אויסער דעם האט גענומען גאר א לאנגע צייט ביז די פאליציי האט אנגעהויבן מיטארבעטן מיט אונז, און פארשטאנען אז מיר זענען א לעגיטימע זיכערהייט פירמע וואס איז "היער טו סטעי". אין די ערשטע תקופה פלעגן זיי נאך זוכן זיך צו קריגן מיט אונז, און טיילמאל האבן זיי אפילו געגעבן טיקעטס פאר אונזערע מעמבערס צוליב אנגעבליכע פארלעצונגען וואס זיי זענען באגאנגען.

פארשטייט זיך אבער אז מיר האבן נישט אויפגעגעבן, נאר געהאלטן אין איין ארבעטן צו איבערצייגן די פאליציי אז מיר מיינען גאר גוטס און אז מיר ווילן זיך נישט קריגן מיט זיי. מיר האבן זיי ערקלערט אז אונזער ציל איז בלויז צו ברענגען רואיגקייט און פרידן צווישן די איינוואוינער, און מיר זוכן נישט סתם זיך צו הייבן די קעפ. ביסלעכווייז האבן זיי איינגעזען אז אונזער עקזיסטענץ איז טאקע נאר לטובתם; די איינוואוינער שפירן שוין נישט אז זיי דארפן נעמען שריט אויף די אייגענע הענט, און מען באפאלט מער נישט די פאליציי ווען זיי קומען אן צו א רוף. זיי האבן שטארק הנאה געהאט צו זען ווי ביי גרעסערע אינצידענטן, ווי א פייער וכדו', האבן מיר שטענדיג צוגעלייגט א פלייצע און ארויסגעהאלפן קאנטראלירן דעם טראפיק און אלעס ארום. דאס איז עפעס וואס פלעגט אמאל פאלן זייער שווער אויף די פאליציי, און דאס האט שטארק צוגעגעבן און געמאכט אז זיי זאלן איינזען אז מיר זענען דא צו ארבעטן אינאיינעם מיט זיי.










## אצינד פארשטייען מיר שוין פארוואס מען האט געדארפט גרינדן די "חברה שומרים", אבער יעצט נאך אסאך יארן האבן זיך שוין די אלע זאכן בארואיגט, און כמעט וואס מען זעהט שוין נישט קיין כוליגאנעס וואס זאלן זיך צעפירן די הענט. פארוואס פעלט דען נאך אויס צו האבן א "חברה שומרים"?

ר' זיידא: דאס איז זייער א גוטע פראגע וואס מיר הערן אפט, און מיר אליין האבן זיך דאס אמאל געפרעגט ביי אן אסיפת הוועד. דער ריכטיגער תירוץ דערויף איז,

אז ב"ה מען דארף שוין טאקע נישט די ארגאניזאציע אויף אזא קריטישן פארנעם ווי אין יענע צייטן ווען עס האט זיך געגרינדעט. אבער טאקע די עקזיסטענץ פון שומרים זעלבסט, דאס העלפט אז די מצב זאל בלייבן רואיג און עס זאל נישט צוריקקומען צו דעם מצב וויאזוי עס האט אויסגעזען בעפאר שומרים האט זיך געעפנט.

ווען עס מאכט זיך אז צעווילדעוועטע יונגען קומען אריין און קערן איבער דאס פלאץ, איז גלייך דא וועמען צו רופן. מען רופט אריין צו "שומרים", און מיר שיקן ארויס א צאל מעמבערס - געוואנדן אין דער סיטואציע - און די מעמבערס נעמען די ריכטיגע שריט צוריקצוברענגען רואיגקייט אויף די גאסן. אפילו אויב עס פעלט זיך אמאל אויס צו רופן די פאליציי, איז דאס געווענליך אנדערש ווען זיי ווערן אינפארמירט דורך אן ערפארענעם שומרים דיספעטשער, ווי ווען סתם איינער רופט און ווייסט נישט וואס צו זאגן, און דאן קומט די פאליציי אן צו א כאאטישע סצענע אן דעם וואס אן ערפארענער פארשטייער זאל רעדן און פארהאנדלען מיט זיי.

איין יאר זומער האט זיך געמאכט א פרישע אנשיקעניש, ווען א גרופע צעלאזטע יונגען מיט קליינע מאטאר-ביציקלעך האבן געהאלטן אין איין ארייניפארן אין שטעטל און אנגעזייעט א כאאס אויף אלע גאסן, האבנדיג א געשמאקע אונטערהאלטונג אויפן חשבון פון די אומשולדיגע איינוואוינער. ווען מיר האבן געקלונגען די פאליציי, האבן זיי אונז דאן ערקלערט אז די יונגען זענען נאך אונטער 18 יאר און זיי קענען נישט צופיל טוהן זיי אפצושטעלן.

מיר האבן אבער נישט אויפגעגעבן, נאר מיר האבן אויסגענוצט די גוטע באציאונגען וואס מיר האבן געהאט מיטן סארדזשענט פון די פאליציי, און אים דערציילט די גאנצע געשיכטע. דער סארדזשענט האט אונז דאן בארואיגט און פארשפראכן אז ער וועט ארבעטן אויף אלע פראנטן צו לעזן די סיטואציע, און מיר האבן נישט וואס צו זיין באזארגט.

א וואך דערויף האבן מיר ערהאלטן א טעלעפאן קאל, ווען דער סארדזשענט איז געווען אויף די אנדערע זייט טרייבל. פריילכערהייט האט ער אונז פארציילט די גוטע נייעס אז ווי עס קוקט אויס וועלן מיר שוין מער נישט הערן פון די גרופע יונגען, ווייל אזוי ווי "שומרים" האט איבערגעגעבן פאר די פאליציי די לייסענס פלעיט נומערן פון עטליכע פון די קליינע מאטאר-ביציקלעך, האבן זיי געקענט אידענטיפיצירן ווער זיי זענען. די פאליציי האט דאן אנגערופן זייערע עלטערן, און זיי געגעבן אן אוידיענץ אראפצוקומען אין פאליציי סטאנציע. דארטן האט די פאליציי זיי אינפארמירט אז זייערע קינדער, וואס זענען נאך לעגאל אונטער זייער אויפזיכט, טעראריזירן די אידישע געמיינדע. די עלטערן זענען געווארן זייער אויפגעברויזט דערויף, און האבן אליין באשטראפט זייערע קינדער און אוועקגענומען זייערע מאטאר-ביציקלעך פאר א לאנגע צייט.

מיט דעם האט זיך די מעשה ב"ה גוט געענדיגט. פארשטייט זיך אליין, אז ווען די אויפגעברויזטע איינוואוינער וואלטן ווען גענומען אייגענע שריט און זיך געשלאגן מיט די יונגען, וואלטן מיר געקענט אריינגיין אין א לאנג-פארצויגענעם קריג, וואס געווענליך ענדיגט זיך דאס זייער אומבא'טעמ'ט, און אמאל חלילה נאך ערגער פון דעם ה"י.

נאך א שטארקע געווינס וואס די אידישע איינוואוינער האבן הנאה פון די אנגייענדע עקזיסטענץ פון "שומרים", איז דער פאקט אז וויבאלד מיר זענען אן ארגאניזירטע און אוועקגעשטעלטע ארגאניזאציע, קענען מיר בעז"ה זיין שטארק בייהילפיג ביי אנדערע סארט עמערדזשענסי פעלער וואס זאלן זיך נישט מאכן; צום ביישפיל ווען עס פאסירט א פייער חלילה, אדער ווען א קליין קינד ווערט ח"ו פארלוירן, אא"וו.



### אצינד צו די מיליאן דאלערדיגע פראגע... וואס קאסט אויפצוהאלטן אזא ארגאניזאציע?

דער אמת איז, אז אויב וואלטן מיר ווען געדארפט נאך היינט צוטאגס אנגיין אויף אזא מאסיוון פארנעם ווי אין די ערשטע פאר יאר, וואלט דער בודזשעט געווען פיל גרעסער ווי עס איז יעצט. וויבאלד אבער יענע שווערע צייטן האבן זיך שוין ב"ה בארואיגט, קענען מיר האלטן דעם בודזשעט צו די מינימום וואס פעלט זיך אויס. דאס נעמט אריין דאס אויפהאלטן א טעלעפאן סיסטעם, ראדיאס, ספעציעלע לייסענס און פערמיטן, יוניפארמס, די אנגעצייכנטע שומרים קארס, דעם קאמענד צענטער און די קביעות'דיגע קאסטן דערפון; ווי רעגיסטראציע, אינשורענס, געז, מעינטענענס וכדו'.

דערנאך זענען דא אנדערע סארט הוצאות, ווי ספעציעלע געשאנקען פאר הויכראנקיגע פאליציי באאמטע, הכרת הטוב מסיבות פאר די געטרייע מעמבערס, און נאך.

דאס אלעס באטרעפט א סך הכל פון איבער 50 טויזנט דאלער א יאר פאר אונז אליינס צו טראגן דעם עול איז דאס טאקע א גאר גרויסער ציפער, אבער ווען מען צוטיילט דעם סכום צווישן די איינוואוינער, איז דאס ממש א קלייניגקייט אנטקעגן די געוואלדיגע רואיגקייט און מנוחת הנפש וואס יעדער געניסט אדאנק די עקזיסטענץ פון "שומרים".

דאס אלעס באטרעפט א סך הכל פון איבער 50 טויזנט דאלער א יאר פאר אונז אליינס צו טראגן דעם עול איז דאס טאקע א גאר גרויסער ציפער, אבער ווען מען צוטיילט דעם סכום צווישן די איינוואוינער, איז דאס ממש א קלייניגקייט אנטקעגן די געוואלדיגע רואיגקייט און מנוחת הנפש וואס יעדער געניסט אדאנק די עקזיסטענץ פון "שומרים".

**זייער קלאר. א גרויסן יישר כח ר' זיידא און ר' אייזיק; מיר האפן אז די לייענער וועלן שטארק הנאה האבן פון אונזער שמועס, און וועלן פארשטיין די וויכטיגקייט און די גרויסע זכיה פון שטיצן די חשוב'ע ארגאניזאציע וואס שטייט צו הילף פאר אלע איינוואוינער א גאנץ יאר, און וועלן אייך אנטקעגן קומען מיט זייער הילף און ווארעמע נדבות כדי צו קענען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.**






18

אכצן יאר שומרים - אכצן יאר רואיגקייט!